ב"ה

# אוצר השבת

ת"ת תורה ויראה דרבינו יואל מסאטמאר • בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א • פק"ק קרית יואל יצ"ו

כיתה ח׳ — **פרשת משפטים** — שנת תשע"א

**ואלה המשפטים אשר תשים לפניהם:** זאגט רש"י **אלה מוסיף על הראשונים, מה הראשונים מסיני אף אלו מסיני.** נאכדעם זאגט רש"י **לפניהם, ולא לפני עכו"ם.**

זאגט דער הייליגער **קדושת יום טוב זי"ע** (יומא דהילולא קדישא כ"ח שבט, הבעל"ט) אז דער פשט קען זיין אזוי, ווייל מיר זאגן יעדן טאג ביי ברכת התורה די ברכה **"אשר בחר בנו מכל העמים**, לכאורה וואס הייסט אז דער אייבערשטער האט אונז אויסגעוועלט פון אלע אומות, די אומות האבן דאך נישט געוואלט נעמען די תורה, און אויך די אידן האט מען געדארפט צווינגען מיטן כופה זיין דער בארג סיני כגיגית, איז דאס דאך נישט **׳אשר בחר בנו?**

ענטפערט דער **קדושת יו"ט** לויט דעם ר"ן אין די דרשות, וואס זאגן אז **אשר נתן לנו את תורתו**, מיינט אז השי"ת האט אונז איבערגעגעבן זיין תורה, און די חכמי ישראל שבכל דור ודור קענען מוסיף זיין און צולייגן צו די תורה די אייגענע חידושים. משא"כ גוים האבן נישט קיין רעכט צו צולייגן זאכן צו די תורה, אפילו נישט ביי זייערע שבע מצות בני נח.

דאס זאגט מען ביים נוסח הברכה **אשר בחר בנו מכל העמים**, מיט וואס זענען מיר אויסגעוועלט פון די פעלקער, מיט דעם **ונתן לנו את תורתו**, אז מיר קענען מוסיף זיין צו די תורה און די גוים נישט.

דער טעם פארוואס אידישע קינדער קענען מוסיף זיין אויף די תורה אייגענע מצות, און מ׳איז מחויב דאס צו פאלגן אלס די מצוה פון **לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל**, ווייל באמת זאגט די גמרא אז **כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש הראה הקב"ה למשה רבינו בסיני**, משה רבינו האט שוין ביי מעמד הר סיני געזעהן יעדע איינציגע חידוש וואס די חכמי ישראל וועלן צולייגן צו די תורה במשך אלע דורות, און וועגן דעם זענען מיר מחויב דאס צו פאלגן און מקיים זיין, ווייל אלעס איז געגעבן געווארן בסיני.

דאס זאגט דער פסוק **ואלה מוסיף על הראשונים**, אז אלעס וואס די חכמי ישראל וועלן זאגן במשך אלע דורות זענען מיר מחויב צו פאלגן, פארוואס? ווייל **מה הראשונים מסיני**, פונקט ווי די גאנצע תורה איז מסיני, **אף אלו מסיני** משה רבינו האט דאס אויך געהערט אויפן בארג סיני, זאגט ווייטער דער פסוק **לפניהם ולא לפני עכו"ם**, ווייל די גוים טארן נישט צולייגן גארנישט צו די תורה.

*

**וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה מעם מזבחי תקחנו למות:** לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס זאל ער זיך קענען ראטעווען פון זיין עונש דורכן מזבח?

זאגט דער **עיר דוד** לויט וואס חז"ל לערנען ארויס פון א קרבן תמיד וואס לכאורה ווי אזוי מעג מען דאס מקריב זיין שבת, עס קען דאך זיין אז מ׳וועט זעהן נאך די שחיטה אז עס איז א טריפה האט מען דאך מחלל שבת געווען ווייל מ׳טאר דאס נישט מקריב זיין? נאר ווייל איך גיי נאך רוב, און רוב בהמות זענען נישט טריפה. לערנט מען ארויס די זעלבע הרג׳עט מען א רוצח אפילו עס קען זיין אז דער מענטש וואס ער האט גע׳הרג׳עט, איז געווען א בעל מום ווייל רוב מענטשן זענען נישט קיין בעלי מומין.

דאס זאגט דער פסוק **וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה**, אויב איינער וועט הרג׳ענען זיין חבר, **מעם מזבחי** פונעם קרבן תמיד וואס מ׳איז מקריב אויפן מזבח, **תקחנו למות** לערן איך ארויס אז מ׳דארף אים הרג׳ענען און איך זאג נישט שמא טריפה הוא.

*

**במדרש פליאה אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי, הה"ד חמשה בקר ישלם תחת השור:**

דער **ווילנער גאון** ז"ל זאגט פשט אינעם מדרש, לויט וואס דער מדרש זאגט אויפן פסוק **אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל ׳אלה׳ לא מצאתי, במדרש אלו הנשים שלא היו במעשי העגל, שאמרו עליו ׳אלה׳ אלהיך ישראל.** לויט דעם מיינט דעם **אדם א׳ מאלף מצאתי** אז נאר איין מענטש פון טויזנט האט געדינט דעם עגל. אויב אזוי דארף מען פארשטיין פארוואס דעמאלטס זענען געשטארבן דריי טויזנט מענטשן, איינס פון טויזנט כלפי 600,000 איז דאך בלויז זעקס הונדערט?! אויף דעם זאגט דער מדרש **הה"ד חמשה בקר ישלם תחת השור**, אז מ׳האט געדארפט באצאלן פינף מאל אזויפיל, און פינף מאל זעקס הונדערט איז דריי טויזנט.

## מדבר שקר תרחק

**מדבר שקר תרחק ונקי וצדיק אל תהרוג:** דער הייליגער **ישמח משה** ברענגט וואס זאגן אז עס איז געווען א רויבער וועלכער האט זיך געוואלט מקבל זיין נאר איין דבר טוב צו וואס ער וועט זיך האלטן, האט אים איינער פון די חכמים געזאגט אז ער זאל מקבל זיין אויף זיך אז ער וועט נישט זאגן קיין שקר.

ווען ער איז געגאנגען די קומענדיגע מאל הרג׳ענען א מענטש און אוועק נעמען זיין געלט, האבן אים מענטשן געטראפן און געפרעגט וואו ער גייט? האט ער געזאגט דעם אמת, האט ער באלד מורא געהאט אז מ׳וועט אים מסר׳ן פארן מלכות, ממילא האט ער געמוזט אויפהערן צו הרג׳ענען און גנב׳ענען, ביז ווען ער איז געווארן א בעל תשובה.

דאס זאגט דער פסוק אויב עס וועט זיין **מדבר שקר תרחק**, דעמאלטס וועט דאס העלפן אז **ונקי וצדיק אל תהרוג**, און דו וועסט באהיטן ווערן אויך פון אלע אנדערע עבירות.

# אוצר הידיעות

## אונקלוס הגר

דער **דעת זקנים לבעלי תוספות** שמועס אויס אז די מצות וואס השי"ת האט געגעבן פאר אידישע קינדער איז לטובתם, משא"כ פאר די גוים האט דער אייבערשטער נישט געגעבן די מצות. אזוי ווי דער פסוק זאגט **מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל לא עשה כן לכל גוי.**

ברענגט ער די מעשה וואס איז געווען מיט **אונקלוס** וואס ער איז געווען א זון פון די שוועסטער פון **אנדריינוס קיסר**, און ער האט זיך געוואלט מגייר זיין, אבער ער האט מורא געהאט פון זיין פעטער דער מלך, האט ער אים געבעטן רשות אוועק צו פארן האנדלען, האט ער אים געפרעגט פארוואס דארפסטו אוועק פארן ווען דו האסט דא אלע אוצרות? האט ער געזאגט אז ער וויל זיך לערנען חכמות פון אלע ערליי מענטשן. און ער האט געבעטן אז דער קעניג זאל אים געבן א קלוגע עצה וואס ער זאל זיך מיטנעמען ווען ער גייט מאכן געשעפטן.

האט אים דער קעניג געזאגט "ווען די זעהסט א זאך וואס איז יעצט ביליג זאלסטו דאס איינהאנדלען, ווייל צום סוף וועט דאס טייער ווערן און דו וועסט אסאך פארדינען דערויף". אונקלוס איז ארויף געקומען קיין ארץ ישראל, און ער האט געוואלט לערנען תורה, אבער זיי האבן נישט געוואלט לערנען מיט אים נאר אויב ער מל'עט זיך. איז ער געגאנגען און זיך גע'מל'עט און ער האט געלערנט אסאך תורה.

ווען ער איז שפעטער צוריק אהיים געקומען האט אנדריינוס געזעהן אז ער זעהט אויס אנדערש, האט ער איהם געפרעגט דערויף פארוואס ער זעהט אויס אנדערש, האט ער געזאגט "ווייל איך האב זיך גע'מל'עט און איך האב געלערנט תורה", האט אנדריינוס געפרעגט "ווער האט דיר געגעבן די עצה?", האט ער געענטפערט "דו אליין! דו האסט מיר געזאגט אז איך זאל זוכן א סחורה וואס איז יעצט ביליג, ווייל עס וועט טייער ווערן און איך וועל פארדינען דערויף, איך בין געווען ביי אלע פעלקער און איך האב געזעהן אז די אידן זענען יעצט אינעם נידריגסטן מצב, און זייער סוף וועט זיין אז זיי וועלן זייער גרויס ווערן".

האט אים **אנדריינוס** געגעבן א פאטש אויפן פנים און געפרעגט "פארוואס האסטו דאס געטון?, האט ער געזאגט "ווייל איך האב געוואלט לערנען תורה", האט ער גע'טענה'עט "דו וואלסט געקענט לערנען תורה, אפילו אויב דו ביסט זיך נישט מל", האט ער געענטפערט "ניין, אויב מ'איז זיך נישט מל קען מען נישט לערנען קיין תורה, ווי דער פסוק זאגט מגיד דבריו ליעקב חוקיו ומשפטיו לישראל, נאר ווער עס איז גע'מל'עט ווי א איד, לא עשה כן לכל גוי ומשפטים ב"ל ידעום, זיי קענען נישט לערנען תורה וואס הייבט זיך אן מיט א ב' און ענדיגט זיך מיט א ל'.

די גמרא אין מס' עבודה זרה (דף י"א ע"א) דערציילט אז ווען דער קיסר איז געוואויר געווארן אז אונקלוס האט זיך מגייר געווען האט ער געשיקט א גרופע סאלדאטן זאלן אים גיין אהיימברענגען, ווען זיי זענען אנגעקומען צו אים האט ער זיך צושמועסט מיט זיי איבער די זיסקייט פון תורה ומצוות, ביז ווען ער האט משפיע געווען אויף זיי און זיי האבן זיך אלע מגייר געווען.

האט ער געשיקט א צווייטע גרופע, און ער האט זיי אנגעווארענט אז זיי זאלן נישט רעדן מיט אים נאר זיי זאלן אים באלד אריבער ברענגען צו אים.

ווען זיי האבן אים געכאפט און אנגעהויבן צו טראגן צום קעניג האט ער זיך אנגערופן צו זיי "געווענליך איז דער סדר אז ווען א גרויסער שר גייט אויפן וועג, גייט פאר אים א קלענערער שר און טראגט די ליכט צו באלייכטן דעם וועג, האט איר שוין געזעהן אז א מלך זאל טראגן א לעכט פאר זיין קנעכט? האבן זיי געזאגט אז ניין. האט ער געזאגט "דער אייבערשטער טוט יא אזוי, ער גייט פאר די אידן און ער באלייכט זייער וועג". ווען זיי האבן דאס געהערט האבן זיי אויך מחליט געווען זיך מגייר זיין.

דער קעניג האט דאן געשיקט א דריטע גרופע, און ער האט זיי אנגעווארענט אז זיי זאלן גארנישט רעדן מיט אים, ווען זיי האבן אים אנגעהויבן צו ברענגען ארויסגייענדיג פון שטוב האט ער ארויפגעלייגט די האנט אויף די מזוזה און איר געקושט. און ער האט זיי געפרעגט צי זיי ווייסן וואס דאס איז? האבן זיי אים געבעטן אז ער זאל זיי זאגן, האט ער געזאגט "דער סדר אויף די וועלט איז אז דער מלך זיצט אינעווייניג און די קנעכט היטן ביי די טיר, ביי די אידן איז פארקערט, זיי זיצן אינווייניג און דער אייבערשטער היט אויף זיי פונדרויסן. ווען זיי האבן דאס געהערט האבן זיי אויך מחליט געווען זיך מגייר זיין.

ווען דער קעניג האט דאס געזעהן האט ער אויפגעהערט צו שיקן סאלדאטן צו אים, מורא האבנדיג אז ער וועט זיי אלע מגייר זיין.

# אוצר רבותינו

## אחרי רבים להטות

דער **בעל שם פון מיכלשטאט זי"ע** איז געווען באקאנט אלס קליין קינד מיט זיין שארפן מח און קלוגן קאפ.

איז געווען אמאל ווען ער איז אלט געווען 9 יאר איז א גרויסער שר געקומען אין שטאט, און ער האט געהערט פון זיין חכמה האט ער אים גערופן צו זיך אין פאלאץ, און ער האט אנגעזאגט אז קיינער זאל זיך נישט געפונען ארום דעם פאלאץ אין די באשטימטע שעה, כדי דאס קינד זאל נישט האבן וועמען צו פרעגן וואו דער שר געפונט זיך.

דאס קינד קומט אן און ער זעהט אז קיינער דרייט זיך נישט אינדערויסן, באטראכט ער דעם בנין, און ער זעהט ווי אלע פענסטער זענען אפן, נאר איין פענסטער איז פארמאכט, איז ער באלד ארויף אויף יענעם שטאק און אנגעקלאפט אויף די טיר, און דארט האט ער געטראפן דעם שר... אויף די פראגע פונעם שר פון וואו ער האט געוואוסט וואו ער איז, האט ער געענטפערט אז ווען ער האט געזעהן נאר איין פארמאכטע פענסטער האט ער פארשטאנען אז דער שר באהאלט זיך דארט צו זעהן וואס ער וועט טון.

זאגט אים דער שר "אויב ביסטו יא אזא קלוג קינד, ענטפער מיר מיין קשיא, אין די תורה שטייט **אחרי רבים להטות**, און אידן זענען דאך ווייניגער פון די גוים, פארוואס גייט עטס נישט נאך רוב גוים?".

ענטפערט דאס קינד אזוי: "ווען איך וואלט אריינגעקומען אין פאלאץ, און געפרעגט עטליכע באדינער וואו איז דער שר, און צען באדינער וואלט מיר געזאגט אויפן פינפטן שטאק, און צוואנציג וואלטן געזאגט אויפן צענטן שטאק וואלט איך ווען געגאנגען נאך רוב מיינונגען, וויבאלד איך האב א ספק, ממילא וואלט איך געגאנגען נאך רוב, אבער יעצט ווען איך שטיי דא און איך רעד מיטן שר, מעגן שוין קומען טויזנט מענטשן און זאגן אז דער שר איז ערגעץ אנדערש, וועל איך נישט קוקן אויף זייער זייט, ווייל איך זע דאך דעם שר מיט מיינע אויגן...

די זעלבע איז מיט אונזער הייליגע אמונה, אחרי רבים להטות מיינט אז ווען עס איז דא א ספק גייט מען נאך רוב, **אבער אידישע קינדער גלייבן אינעם רבש"ע און עס זענען נישטא קיין שום ספיקות, מיר זעהן דעם אייבערשטן!** ממילא איז אוודאי נישט שייך צו זאגן אחרי רבים להטות.

# יגעת ומצאת

קומענדיגע וואך פרייטאג און שבת וועט אי"ה זיין ראש חודש אדר א'. לאמיר פארשטיין, וואס מיינט דאס חודש אדר א'? פארוואס איז דא היי יאר צוויי חודש אדר'ס? פארוואס מאכט מען אן עיבור יאר? ווען וועט זיין נאך אן עיבור יאר? ביטע נעם ארויס א טור אורח חיים (חלק ב') סימן תכ"ח, און לערן שטאטלעך דורך די ווערטער פונעם טור, און דאן פרוביר צו ענטפערן אויף די פאלגענדע שאלות.

**וויפיל טעג איז א שנת החמה? וויפיל טעג איז א שנת הלבנה? וויפיל טעג איז די שנת החמה מער ווי די שנת הלבנה? חז"ל האבן באשטימט צו מאכן אן עיבור יאר איינמאל אין עטליכע יאר כדי די זון מיט די לבנה זאלן זיך צוזאמענקומען אינאיינעם. פארוואס טאקע האבן חז"ל געהאלטן אז די זון מיט די לבנה דארפן גיין אייניג און זיי טארן נישט זיין דערווייטערט איינעם פונעם צווייטן** (עי' רש"י פר' אמור קאפיטל כ"ג פסוק ל"ט) **פארוואס איז מען מעבר פונקט חודש אדר? 1)** (עי' תפארת ישראל שבילי דרקיע ריש מס' שבת אות כ"ג) **2)** (עי' תוס' סנהדרין דף י"ב ע"א ד"ה אין מעברין) **כדי צו וויסן דעם סדר ווען מען איז מעבר דאס יאר, דארף מען צו וויסן אז די יארן פון די וועלט איז איינגעטיילט לויט א "מחזור", דאס הייסט אז יעדע ? יאר איז א "מחזור קטן". תשנ"ח האט זיך אנגעהויבן א מחזור, שרייב אריין וועלכע יאר איז א פשוטה און וועלכע יאר איז א מעוברת: תשנ"ח, תשנ"ט,תש"ס, תשס"א, תשס"ב, תשס"ג, תשס"ד, תשס"ה, תשס"ו, תשס"ז, תשס"ח, תשס"ט, תש"ע, תשע"א, תשע"ב, תשע"ג, תשע"ד, תשע"ה, תשע"ו, קומט אויס אז עס איז דא 7 עיבור יאר אין יעדע מחזור: וויפעלטע יאר פונעם מחזור איז אן "עיבור יאר":**

## ראשי תיבות

ווי אזוי מאכט דאס ווארט (ווערטער וואס הייבן זיך אן מיטן אות ס')....

**סוכ"ס, סוזק"ש, סו"פ, סת"ם, סג"ל, ס"ק, סד"א, ס"ה, ספה"ק, סוע"ה**

❀ ❀ ❀

## תשובות אויף "יגעת ומצאת" פון פר' יתרו

**אדם הראשון, נחור, ישמעאל, למך, יוסף הצדיק, עשו, יעקב, נח, אהרן, עשו, משה, אברהם, עמרם, יהודה, כלב, שמעון, אברהם, תרח, עשו, כלב, יעקב, אלעזר, ברק בן אבינועם.**